*ב'ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת במדבר

### במדבר (א)

די ערשטע מצוה פון ספר במדבר איז: שאו את ראש כל עדת בני ישראל (אז מען זאל ציילן אידן). דערפאר ווערט גאנץ ספר במדבר אנגערופן אין דער גמרא "חומש הפקודים".

בשעת מען ציילט זיינען אלע גלייך. דער גרעסטער מענטש איז ניט מער ווי איינער, און דער קלענסטער מענטש איז ניט ווייניקער ווי איינער. ווען מען האט געציילט די אידן האט מען זיי אלע געציילט פון דעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן.

צוליב דעם טעם לייענט מען אלעמאל פרשת במדבר פאר שבועות. דער געדאנק אז אלע זיינען גלייך, אין דעם באשטייט די הכנה צו קבלת התורה. ביי קבלת התורה זיינען אויך אלע געווען גלייך, ווי חז"ל זאגן אז אויב ביי הר סיני וואלט געפעלט איין איד פון די 600,000 וואלט די תורה ח"ו ניט געגעבן געווארן אפילו ניט צו משה רבינו.

די הכנה און כלי צו מתן תורה איז שלום און אחדות, ווי רש"י זאגט אויפ'ן פסוק "ויחן שם ישראל נגד ההר" (אז זיי האבן גערוהט דארטן אנטקעגן דעם בארג) אז עס איז געווען "כאיש אחד בלב אחד" - ווי איין מענטש מיט איין ווילן צו באקומען די תורה.

אין ילקוט שמעוני שטייט אז דער אויבערשטער האט געזאגט: די תורה איז אינגאנצן שלום, איז צו וועמען זאל איך איר געבן? צו א פאלק וואס גלייכט שלום.

דער שלום און אחדות וועלכע איז א צוגרייטונג צו מתן תורה, דארף זיין אין ענינים תורה ומצוות, ווי דער פסוק זאגט "ויחן שם ישראל" (לשון יחיד) פאר וועלכן צוועק? "נגד ההר", וואס דער ענין פון הר סיני איז תורה ומצוות.

דעמאלסט קענען מיר זיין פארזיכערט אז בתוך כלל ישראל וועלן מיר אלע זוכה זיין - ווי דער לשון פון דעם רבי'ן דעם שווער - צו "קבלת התורה בשמחה ובפנימיות".

(לקו"ש ח"ב ע' 293)

### במדבר (ב)

אין פרשת במדבר האט דער אויבערשטער געהייסן משה רבינו אז מען זאל ציילן אידן. מען האט געציילט יעדן אידן וועלכער איז א "יוצא צבא" - א סאלדאט - אן אונטערשייד פון וועלכן שבט ער קומט. ווען מען ווערט א "יוצא צבא", דארף מען באווייזן א ביישפיל, א מוסטער, אז מ'איז דעם אויבערשטענ'ס "סאלדזשערס". עס איז ניט קיין חילוק ווי גרויס מען איז אין תורה און מצות, אדער פון וועלכן שבט מען שטאמט. וויבאלד מען איז א קינד פון אברהם, יצחק און יעקב איז מען ניט ווייניקער ווי איינער פונקט ווי מען איז ניט מער

ווי איינער.

א איד דארף דורכפירן די שליחות וואס דער אויבערשטער האט געגעבן צבאות ה'. דער אויבערשטער באציט זיך מיט ליבשאפט צו יעדן אידן, פון קליין ביז גרויס, און גיט עם די כחות און די מעגליכקייטן און די ברכות, אויף קענען דורכפירן די שליחות און טאן דאס בשמחה - פרייליכערהייט.

דאס איז דער ערשטער אפלערנונג פון פרשת במדבר. מען דארף זיך באציען מיט'ן גרעסטן כבוד צום קלענסטן אידן פונקט ווי מען באציט זיך צום גרעסטן אידן. ווארום עס רעדט זיך וועגן א איד, וואס האט א שליחות אז ער און זיין פאמיליע זאלן לעבן אין א וועג, אז יעדער וואס וועט א קוק טאן אויף עם וועט גלייך זען אז דאס איז איינער וואס דער אויבערשטער האט עם גע"דרעפטעד" - ארייגענומען אין זיין ארמיי - אויף מאכן די וועלט א גוטע וועלט, א ריכטיגע וועלט, א רוחניות'דיגע וועלט, ביז מ'וועט מאכן די וועלט פאר א הייליגע וועלט.

מען זעט דעם אויבערשטענ'ס ברכה ווען אידן זיינען פארבונדן מיט'ן אויבערשטן דורך אויפפירן זיך לויט זיין תורה. אלע אידן מבן עשרים שנה ומעלה זיינען געווען - "יוצא צבא בישראל". לויט אלע געזעצן פון נאטור קען ניט זיין, אז צווישען העכער זעקס הונדערט טויזענט מענטשן וואס זיינען צוואנציג יאר אלט, זאלן ניט זיין ווייניקסטענס עטלעכע וועלכע זיינען ניט גענוג שטארק און געזונט צו קענען זיין אין ארמיי און גיין אין מלחמה.

איז די ערקלערונג דערפון, ווען אידן פירן זיך ווי דער אויבערשטער וויל, זיינען זיי אינגאנצן ניט אונטערגעווארפן די געזעצן פון נאטור.

(לקוטי שיחות ח"ח ע' 219)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"